# אַ בעטלער האָט היינט

אַ בעטלער האָט היינט, מלכּה׳לע,
געזונגען אונטן אין הויף
און מיט די בלינדע אויגן געגלאָצט
צו אַלע פענסטער אַרויף.

ער האָט אַ לידל געזונגען
און די קאַטאַרינקע געדרייט
און דעם שכנ׳ס שניידער־געזעלן
האָט צוגעברומט שטילערהייט:

„די בענקשאַפט און די ליבע
זיי זענען אַ מאָדנע פּאָר,
זיי ליגן זיך איינס דעם צווייטן
כּסדר אין די האָר.

די בענקשאַפט האָט גילדענע פליגל
די ליבע אַ בעכער מיט סם —
די ליבע לאַכט, ווען די בענקשאַפט
רעדט צו איר מיטן גראַם.

זיי יאָגן זיך איינס דאָס צווייטע
ביז די בענקשאַפט גייט אויס
און די ליבע שטאַרבט, ווי א שמעטערלינג
אויף אַ פאַרוויאַנעטער רויז״.

דעם שכנ׳ס שניידער־געזעלן
האָט אָפּגעזיפּצט שווער און טיף —
איך לעג דיר דעם זיפץ און דאָס לידל
אַריין אין דעם היינטיקן בריוו.

און, מלכּה׳לע, זיי מיך נישט חושד,
אַז איך האָב דאָס לידל געמאַכט,
מיין ליבע האָט נאָך לעסאַטע
צו אַזאַ טרויער זיך נישט דערטראַכט.

נאָר אדרבא: מיין בענקשאַפט
בלייבט נאָך כּסדר און וואַרט
זי זינגט: די אמת׳ע ליבע
האָט נאָך קיינעם נישט אָפּגענאַרט.

זי זינגט: די בענקשאַפט, די ליבע
זיי זענען פון גאָט אַ פּאָר —
די בענקשאַפט האָט גאָלדענע אויגן
און די ליבע האָט גאָלדענע האָר.